# אפגעשטעלט די עקסמיסיעס
## פון 1 און 2 שטוביגע וואוינונגען
## פון 1 דעצעמבער ה. י. ביז'ן 1 מערץ 1935

וו א ר ש א. 29 (טעלעפאניש)

דעם 1-טען דעצעמבער ד. י., אין הסכם מיט'ן צירקולאר פון יוסטיץ-מיניסטעריום, וועלען די געריכטען אפהאלטען עקסמיסיעס פון לאקאטארען, וועלכע פארנעהמען 1 און 2 שטובען.

דער דאזיגער צירקולאר איז אין קראפט ביז'ן 31 מערץ 1935.

## יודישע סטודענטען געוואלט ווידער אקאפירען די ווארשאווער קהלה

וו א ר ש א, 29 (טעלעפאניש)

נעכטען האבען יודישע סטודענטען ווידער געפרובט צו אקופירען דעם לאקאל פון דער יודישער קהלה, נאר פאליציי האט דערין געשטערט און פונאנדערגעטריבען די סטודענטען.

אין צוזאמענהאנג דערמיט האט די קהלה בעשלאסען די סובסידיעס, וואס זענען בעשטימט פאר אונבעמיטעלטע יודישע סטודענטען, אויסצוצאהלען די קארפאראציעס פון די יודישע אקאדעמיקער און די אינדיווידועלע בקשות פון סטודענטען, וועלכע געהערען נישט צו די דערמאנטע קארפאראציעס, צו בעטראכטען בעזונדער.

## אנפאל אויפ'ן לעטישען קאנסולאט אין ווילנא

ווילנא, 29 (טעלעפאניש)

נעכטען אין אווענד האט אן'אונבעקאנטער געווארפען שטיינער אין פענסטער פון לעטישען קאנסולאט אין ווילנא.

אויפ'ן ארט האט מען געפונען א צעטעלע מיט דער אויפשריפט, אז דאס איז בעווען א פראטעסט-אקט אין צוזאמענהאנג מיט'ן פראצעס געגען די סאציאל-דעמאקראטען אין ריגא. קיינער פון די אנפאלער איז נישט ארעסטירט געווארען.

## קאנפיסקירט א בראשור וועגען עלילת דם

וויען, 29 (יט"א טעלעגראפיש)

די אנטיסעמיטישע בראשור וועגען ריטואל-מארד איז קאנפיסקירט געווארען.

## קאמף געגען דער מגפה פון זעלבסטמארדען צווישען יודען אין ווארשא

ווארשא, 29 (טעלעפאניש)

דער ווארשאווער ראבינאט האט זיך לעצטענס פאראינטערעסירט מיט דער מגפה צווישען יודען אין ווארשא און האט בעשלאסען די קומענדיגע וואך צו רופען א גרויסע בעראטונג ווי אזוי צו בעקעמפען די דאזיגע מגפה. ס'זאל געפירט ווערען א ברייטע פראפאגאנדע און ס'זאל געשאפען ווערען ספעציעלע בעראטונגס-שטעלען צו געבען עצות אדער מאטעריעלע הילף די מערצווייפעלטע.

## יודישע פליטים אין ארץ-ישראל פארלירען די דייטשע בירגער-רעכט

ירושלים, 29 (יט"א טעלעגראפיש).

די יודישע פליטים אין ארץ-ישראל, האבען בעקומען מעלדונגען פון דייטשלאנד, אז ס'איז זיי צוגענומען געווארען די דייטשע בירגערשאפט.





פאדאגרא, שמערצען פון די גלי-דער, קאפ-שמערצען און נערווען-לײדען, גריפע און פערקיהלונגען

געברויכט מען די טאבלעטקעס

Togal

רעג.-נ' 1364

צו בעקומען אין אלע אפטײקען.


## „ליטע פאר ליטווינער"
### אונטער דער אנטיסעמיטישער לאזונג ווערט געפיהרט א קאמף געגען יודישע סוחרים

קאוונא, 29 (יט"א טעלעגראפיש)

אין שאוועל איז פארגעקומען א צוזאמענפאהר פון ליטווישע האנדווערקער און סוחרים. ס'האבען זיך בעטייליגט 300 דעלעגאטען.

ס'איז בעשלאסען געווארען צו פאראייניגען זיך מיט די אנטיסעמיטישע ארגאניזאציעס און ארויסצודרייסען דעם האנדעל און האנדווערק פון יודען.

דער קאמף מיט יודען ווערט געפיהרט אונטער דער לאזונג „ליטע פאר ליטווינער".

## רעגירונג האט אריינגעטראגען אין סיים איינגע געזעץ-פראיעקטען

ווארשא, 29 (טעלעפאניש)

די רעגירונג האט אריינגעטראגען אין סיים איינגע געזעץ-פראיעקטען, דערונטער איינגע ראטיפיקאציע-געזעצען און א נאוועלע צום געזעץ פון אויטארען-רעכט צו שיצען די אינטערעסען פון די אויטארען אויפ'ן געביט פון אינטערנאציאנאלען רעכט.


## ביי דארם-טרעגהייט

מאגען- און דארם-קאטאר, בענוצט דאס נאטירליכע ביטערוואסער

**Franciszka Józefa**

די וויסהטאגען אין די וונטערלייעס-ארגאנען שנעל און שמערצפרי. פרעגט דאקטוירים. צו בעקומען אין אלע אפטייקען און סקלאד-אפטעקשנעס.


## וויכטיגע פייערונג פון נאוועמבער-אויפשטאנד

ווארשא, 29. (טעל.) צום 104-טען יאהרטאג פון נאוועמבער-אויפשטאנד, איז נעכטען פארגעקומען אין ווארשא א פייערליכער מארש צום בעלוועדער.

## אנטי-טשעכישע דעמאנסטראציעס אין בערלין

בערלין, 29 (סס. טעל.)

אין די בערלינער הויכשולען איז היינט וויי דער געקומען צו אנטי-טשעכישע דעמאנסטראציע. די דעמאנסטראנטען זענען אוועק צו דער געביידע פון טשעכישען באטשאפטער און האבען דארט הויך פראטעסטירט.


**Casino**

היינט און טעגליך:
פערל'כשוס'ט מיט געזאנג
**Józef SCHMIDT**
אין דער מוזיקאלישער דראמע
# ס'ליד ערָאבערט די וועלט

פרייקארטען און הנחה-בילעטען אונגילטיג.
אנהויב 4 נ"מ, שבת און זונטאג 12 בייטאג

רעפרעזענטאנץ-טעאטער „ראזמאיטאשטשי" 27 ציגעל-נאס 27 טעל. 112-25
דירעקציע: דוד צעלמייסטער.

גאסטשפילען פונ'ם יודיש-דייטשען שוישפילער און רעזשיסער
# קורט קאטש
היינט, פרייטאג און מארגען שבת, 9,30 אווענד
פייערליכע פרעמיערע! קורט קאטש'ס 2-טע אויפפירונג!
# דער העלדישער ים-רייזענדער
פרעהליכע קאמעדיע אין 4 אקטען פון געארג קייזער.
די טיטעל-ראלע „דער העלדישער ים-רייזענדער" פיהרט אויס קורט קאטש.

מארגען שבת 4.30 נאכמ. גרויסע פאלקס- און הנחה-פארשטעלונג
אלע בילעטען איז פארטער 1 זל.
יעדער האט דאס רעכט מיטצונעמען א קינד בחנם
ס'ווערט געגעבען די שיין-לאנג נישט געשפילטע קאמישע און מעלאדישע פיעסע
# די רומענישע חתונה
ראל „דבורה"—פאני רובינא. מיט'ן אנטייל פון די בעסטע ארטיסטישע כחות.

מארגען שבת 7.30 (האלב 8) אווענד — איינהייטספרייזען
ס'ווערט געשפילט די זעהר-אויסגענומענע פיעסע
# סערזשאנט גרישא
אין 19 בילדער, פון ארנאלד צווייג. מיט קורט קאטש אלס „סערזשאנט גרישא"

אין אלע פארשטעלונגען בעטייליגען זיך די בעסטע ארטיסטישע כחות. וואס פוילען פארמאגט.
דאס טעאטער איז גוט בעהייצט.



אונזער חשוב'ן פריינד דוד וויינריב
צוליב'ן טויט פון זיין אונפארגעסליכע
# מוטער נ"ע
דריקען מיר אויס אונזער איניגסטען מיטגעפיהל.

דוד זילבערבערג
פינקוס וויינטרויב
בנימין זילבערבערג



# צום הערבסט

עמפפעהלט
די בייעסטע פאריזער
# פערפומען
די איינציגע
קאנקורענץ-פערפומעריע
**J. DRUKIER**
**5 ZAWADZKA 5**
**TEL. 175-92.**

די פיינסטע
טואלעט-זייפען,
פודערן,
ווי אויך אלערליי
קאסמעטיק
אין און אויסלענדישע

בעמערקונג: ענגראסיסטען בעקומען א ספעציעלען ראבאט.

